## קאַפּיטל צוועלף

1 און אַרום יענער צייט האָט דער קעניג הורדוס
אויסגעשטרעקט די הענט צו פּייניקן אייניקע
2 פון דער קהלה. און האָט געטייט יעקבן, יוחנן׳ס
3 ברודער, מיט דער שווערד. און זעענדיק, אַז עס
איז געפעלן די יידן, האָט ער געמערט צו אַרעסטירן
פּעטרוסן אויך. און עס זענען (דעמלט) געווען די
4 טעג פונם חג המצות. און בעמענדיק אים געפאַנגען,
האָט ער אים איינגעזעצט אין תפיסה, איבער־
געבנדיק אים צו פיר אָפּטיילונגען זעלנער, יעדע
פון פיר מאַן, צו היטן, האָבנדיק בדעה נאָך פסח
5 אים אַרויסצופירן פאַרן פאָלק. פּעטרוס איז
דעריבער באַוואַכט געוואָרן אין דעם געפענקעניש,
און די קהלה האָט זייער ערנסט מתפלל געווען פאַר
6 אים צו ג־ט. און ווען הורדוס האָט אים שוין געזאָלט
אַרויספירן, איז פּעטרוס יענע נאַכט געשלאָפן צווישן
צוויי זעלנער, מיט צוויי קייטן געבונדן; און לייט
אויף דער וואַך ביי דער טיר האָבן געהיטן די תפיסה.
7 און זע, אַ מלאך פונם האַר איז געקומען, און אַ
ליכט האָט אויפגעלויכטן אין דער קאַמער; און ער
האָט אַ קלאַפּ געטון פּעטרוסן אויף דער זייט און אים
אויפגעוועקט, און געזאָגט: שטיי אויף געשווינט.
און די קייטן זענען אים אַראָפּגעפאַלן פון די
8 הענט. און דער מלאך האָט צו אים געזאָגט: גאַרטל
דיך אונטער און טו אָן דיינע שיך. און ער האָט
אַזוי געטון. און ער האָט צו אים געזאָגט: היל דיך
9 איין אין דיין מלבוש און פאָלג מיר נאָך. און
ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט נאָכגעפאָלגט;
און נישט געוואוסט, אַז עס איז אמת, וואָס איז